UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Haynt Iz Eybik (Lider Fun Malke Khayfets Tuzman) / Today is Forever (Poems of Malka Heifetz Tussman)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/35s6f67p

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

**Author**
Dr. Israel Stern, Dokter Yisroel Shtern /

**Publication Date**
1978

**Copyright Information**
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# שרייבערס און ביכער

ד״ר ישראל שטערן / מאָנטרעאַל

## היינט איז אייביק

### (לידער פון מלכה חפץ טוזמאַן)

דאָס רוב פון היינטיקע יידיש־רעדאַקטוירים גרימען נעבעך איבער די בני־מעים ווען זיי דערהאַלטן אַ פעקל שירים. אין הקדמות צו יום־טובדיקע זאַמל־ביכער געפינט מען התנצלותן פאַר די ליבע לייענערס פאַרוואָס מען האָט כולל געווען נאָך אַן עקסטרע לידל צווישן די מוטנע וואַסערן פון בלאַסער פראָזע און פאַפּירענער פובליציסטיק. אַ ליד שמוקלט מען אַריין ווי גנבישע סחורה, ר״ל. מען שעמט זיך אונטער דערמיט. ס'קומט אפילו אויס צו לייענען בריוו אין רעדאַקציע הלמאי דער רעדאַקטאָר האָט איבער־געכאַפּט די מאָס מיט אַ באָוול־סחורה, וואָס מען באַדאַרף נישט, מען פאַרשטייט נישט, און סע דינט בכלל צו גאָרנישט.

בין איך זיך מודה ומתוודה, אַז איך באַלאַנג נאָך צום אַלטפרענקישן דור, ביי וועמען אַ ביכל פּאָעזיע ליגט זיך אויפן נאַכט־טישל ביים געלעגער; און וועלכער איז זוכה צו דערפילן ווי דער דרימל באַשווערט זיין אויגנלעפּל ביי דעם שעפּטש פון אַ פּאָעטיש וואָרט, אָדער ביים אויפלעזנדיקן קלאַנג פון קלאַסישער מוזיק.

אַנטקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַנטקעגן דעם וואָס אַ בוך יידישע פּאָעזיע איז ביי מיר אַ יום־טובדיקער גאַסט — חשוב און אָנגעלייגט. עס זענען נאַטירלעך פאַראַנען ביכער, און ביכער. ווי האָט איינער געזאָגט: „אַ מענטש איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, און אַ מאָל דאָס אויך נישט...״ איז ווי מען זאָל זיך נישט קליגלען צו געפינען אַן אָביעקטיווע מאָס אויף צו וועגן און מעסטן קונסט, וועט דאָך סוף־כל־סוף מכריע זיין דער סוביעקטיווער געשמאַק. דאָס זעלבע פון מיר צו הערן.

אָבער דאָס מאָל, אַזוי ווי כ'האָב נאָר אַ לייען געטאָן פון פאָרנט, איז מלכה טוזמאַנס „היינט איז אייביק״, בין איך גלייך טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין טראַנס פון בובערישן „איך־דו״ דיאַלאָג מיט איר וואָרט/ליד, אָן וועלכן מען קען זיך נישט אויף אַן אמת מתיחד־זיין מיטן שרייבער, מיט זיין וואָרט, אומיטן מקור פון וועלכן דאָס אומדערקלערבאַרע, שעפערישע קוועלט אַרויס.

### ב.

דאָס בוך באַשטייט פון דריי בוקעטן לידער: „היינט איז אייביק״, „שטילער, שטילער״, און „דאָרפיש״; מיט אַ צוגאָב פון פּאָעטישער פּראָזע אין „די ליפּע״, און „ביאָגראַפישער בריוו״.

אין קהלת (י׳:ב׳), שטייט געשריבן: „לב חכם לימינו, ולב כסיל לשמאלו״ פלעגט עס דער מלמד אונדזערער אָנ־ווענדן אַנטקעגן די תלמידים וועלכע מישן די בלעטער אויף צוריק (רעכטס), אָדער אַנטקעגן די תלמידים וועלכע בלעטערן אויף פאָרויס (לינקס). און ער פלעגט זיך דערביי אונטערזינגען: „דער חכם בלעטערט נעבעך אויף צוריק, מיט האַרצווייטיק אויף דעם וואָס ער האָט אַזוי ווייניק אָפּגעלערנט, און אויף וויפל ווייניק ער האָט דערפון פאַרשטאַנען; אָבער דער נאַר, דער וואָיטעק, ציילט אומגעדולדיק די בלעטער וואָס ער וויל שוין וואָס גיכער פּטרן, און פון וועלכע ער וויל שוין וואָס גיכער אויסגעלייזט ווערן...

וועל איך דווקא ריזיקירן צו טרעטן אין די דרכים פון כסיל, נישט חלילה מיט זיינע כוונות, נאָר כדי צו ציטירן פאַר

איך דאָס ליד „דאָרשט", וואָס אי סע שטילט אונדזער דאָרשט נאָך מלכהס ליד, אי עס רייצט נאָך מער אונדזער דאָרשט, וואָס נאָר איר פּאָעטיש וואָרט קען אונ־דזערע ליפּן דערקוויקן, און די לעכצעניש עטוואָס שטילן. וואָרן, ווי ס'איז באַוווסט: איינשטילן אַ דאָרשט איז כמעט אוממעג־לעך. וואָס מער מען טרינקט אַלץ מער ווילט זיך טרינקען.

## דאָרשט:

„קאַראַמיסל,
נעם אַליין די עמערס,
גיי צום אַלטן ברונעם,
שעפּ אָן מים חיים
און לאָז גיין דעם לאַנגן וועג.
ס'וועלן טראָפּנס
פון די פולע עמערס —
ביז די ראַנדן פולע עמערס
ציכעכענען אין שטויב דעם וועג צו מיר.

קאַראַמיסל,
איך וועל צופאַלן
נאָר ניט זשליאָקען פון די עמערס.
כ'וועל לאָזן נאָר אַ טראָפּעלע
פאַלן אויף מיין צונג —
אַ טראָפּל אויפן שפּיץ פון צונג
און שטילערהייט אַ ברכה מאַכן.
קניען כ'וועל פאַר דיר
און בענטשן פרום דעם ברונעם און
די עמערס.
קען זיין
כ'וועל וויינען
און אין געוויין זיך שטאַרקן
און אפשר זיך דערוועגן
אַ שפּיגל טאָן מיין פּנים
אין אַן עמער."

נאָך אַט דעם פיינעם ביישפּיל פון עכ־טער פּאָעזיע, לאָמיר זיך אומקערן צום אָנהייב פון ספר. עס גייט אונדז אַנטקעגן אַ תחינהדיקע הקדמה:

„מיין האַר,
איך — דיין קליינער גאָרטן
ברענג דיר דאָס גערעטעניש פון מיינע
בייטן —
מיין פאַרמעג
צייטיק צי ניט גאָר צייטיק —
אַלץ איינס: דיין גאָב.
נעם אָן, מיין האַר, מיט גוטוויליקייט
נאָר ניט מיט פייער.
ניט מיט פייער.
ס'איז דאָך ניט אמת אַז דו האָסט ליב
דעם רויך פון פעטן קרבן..."

דער גאַנצער ערשטער בוקעט, „היינט איז אייביק", איז אין פרייען פערז. מער זאָגן, ווי געזאַנג און בילד. דאָך שלייכט זיך אַריין כמעט אומבאַמערקט, און מרח־קים־ווייט, אַ גראַם: „ווינט־לאַבירינט".

לדוגמה: **רוף איך יאָ, רוף איך ניט.**

„רוף איך דיר
שריי איך צו
דיין פילנאָמענדיקייט
בין איך אין וויסטן מידבר
דער וואָיענדיקער ווינט.

רוף איך ניט
ליגן מיינע ליפּן ניט
אויף די אותיות פיר פאַרכטיקע
בלאָנדזשע איך אויף וועגן
טונקעלע און קרומע
פון / אַ לאַבירינט."

מלכהס ליד איז בכיוון צנעדיק. כאָטש איר וואָרט איז רייך, אָריגינעל, באַנייע־ריש, איז איר גערנער צו נעמען דעם אונטערטאָן, איידער איבערשפּילן. איר ליד איז ענלעך צו סקאַנדינאַוויש, גע־שמאַק, אָפּגעצערט, מעבל. דעריבער איז דער טאָן פון איר ליד יונג. ייִנגער ווי דער טאָן פון די ייִנגסטע פון אונדז. אין „ביאָגראַפישן בריוו" דערקלערט זי דעם סוד פון איר פּאָעטישער יונגשאַפט: פאָ, וויטמאַן, און רעמבאָ.

## ג.

קען זיך דאָך שטעלן די קשיא: ווי פאָרט זיך יונגשאַפט־השפּעה מיט פּאָעטן פון מיט איבער אַ הונדערט יאָר צוריק? איז דער תירוץ אַן אַלטער באַקאַנטער. סיי אין סאָציאַלע פּראָצעסן, סיי אין קולטו־רעלע און וויסנשאַפטלעכע דערשיינונגען, ווירקט אַ פענאָמען פון צייט־פאַרזאַמונג. לעאָן טראָצקי האָט עס גאַנץ ברייט אַרומ־

געווען אין דער געשיכטע פֿון זיין לעבן. עס איז אויך אַ באַוווּסטער פֿאַקט אין דער געשיכטע פֿון דער וויסנשאַפֿט. עס האָט געדאַרפֿט אַפּלויפֿן 150 יאָר ביז קאַנט האָט אויפֿגעבויט זיין פֿילאָסאָפֿישע סיסטעם וואָס אינקאָרפּאָרירט קעפּלערס און ניוטאָנס פֿיזיקאַליש־מאַטעמאַטישע טעאָריעס. די היינטיקע קוואַנטום־מעכאַנישע און רעלאַטיוויסטישע פֿיזיק האָט נאָך צו איר פֿילאָסאָפֿישן סיסטעם נישט זוכה געווען. עס האָט גענומען מער ווי אַ יובֿל יאָרן אַז די בולעאַנישע אַלגעברע און ניט יוקלידישע געאָמעטריעס זאָלן אויפֿסנייע אַנטפּלעקט ווערן, און ס׳האָט גענומען מער פֿון אַ מאה ביז זיי זאָלן פּאָפּולער ווערן.

עפּעס ענלעכעס איז געשען מיט דעם אַזוי־גערופֿענעם מאָדערניזם אין דער קונסט בכלל, און אין דער פּאָעזיע בפֿרט. דער „מאָדערניזם" איז יאָרן־לאַנג געלעגן פֿאַרגעסן, פֿאַרלאָזן, אונטער שיכטן שטויב. ביז די צייט איז רייף געוואָרן, און יונגע מוחות האָבן עס אָפּגעשטויבט, אויפֿגעלעבט, און אָפּגעגלאַנצט. די ריפּ־וואַן־ווינקלס פֿון פֿאַר א. מ. דיקס צייטן זענען נאַטירליך, נבֿהל ונשתומם געוואָרן. אָבער אין דער אמתן, זענען זיי גאָר פֿאַרשלאָפֿן אַ וועלט־אונטערגאַנג... זייער פֿאַרקופּערצטער געשמאַק דערלאָזט זיי נישט הנאה צו האָבן פֿון אַזוי־גערופֿענעם מאָדערניזם, און זיי וואַרפֿן זיך אויף די „מאָדערניסטן" ווי נאָר צום פֿאַרשטיינען. היוצא לנו מדברינו, דער מאָדערניזם איז גאָר נישט אַזוי מאָדערן ווי מען מיינט. נישט מער, אַ פֿרישן שטראָם לופֿט בלאָזט עס יאָ אַריין אין דעם פֿאַרטשאַדעטן אוויר. פֿונעם געגראַמטן האַצקענדיקן ליד (וואָס האָט זיך זיין אָרט, ווערט און געשמאַק) איז מען פּאַקטיש צוריקגעקומען צו אַ תהילימדיקן, תפֿילהדיקן, תחינהדיקן רעטשיטאַטיוו.

## ד.

די ווילדע געוויקסן פֿון דעם מאָדערניזם (און ווילדפֿלייש וואַקסט אויך אויפֿן קאָנווענציאָנעלן אימיטאַטיוון ווערסיפֿיצירן...) שפּראָצן ערשט אַרויס אויפֿן באָדן פֿון צוווילדעוועטע סאָציאַלע דערשיינונגען, און ווערן גענערט פֿון דער פּלאָג פֿון טאַלאַנטלאָזער גראַפֿאָמאַנישקייט, אינטעלעקטועלער פּוסטקייט און ציניקייט, וואָס ווערט אונטערגעהעצט פֿון די הוראַ־געשרייען פֿון די איבערגעפּרעסענע, אומוויסנדיקע „בעביטס". אַזאַ אומגליק האָט אויף דער ענגלישער פּאָעזיע געבראַכט דער פּסיכאָפּאַט און זאָאָלאָגישער אַנטיסעמיט, דער וויסטער קאַליקע (אַרום וועלכן כמעט אַלע אַקאַדעמישע „ליטעראַטן" האָבן געהאָצקעט קדוש), עזרא פּאַונד. די לעגענדע דערציילט אונדז, אַז ער האָט עס מכלומרשט אַנטדעקט ט. ס. עליאָטן און געהאָלפֿן אַנטוויקלען זיין טאַלאַנט. איז טאַקע אמת, אַז ער האָט אים געהאָלפֿן מיט אַ פּאָר גרייצער, און האָט פֿאַר אים געעפֿנט עטלעכע ליטעראַרישע טירן, אָבער עליאָט האָט דערפֿאַר באַצאָלט מיט זיין אָריגינעלן, לויטערן וויטאַלן טאַלאַנט.

עס איז גענוג צו פֿאַרגלייכן עליאָטס יונגע שאַפֿונגען מיט זיינע מוטנע פּאָסט־פּאַונד פּלאָנטערנישן, כדי זיך איבערצוצייגן, אַז פּאַונד האָט עליאָטס שעפֿערישקייט אָפּגעטייט. פּאַונד האָט זיך אויפֿגעבויט אַ טעאָריע פֿון צונויפֿגעלאַטעטער מליצה, וואָס האָט געזאָלט רעפּרעזענטירן כלומרשט די גאַנצע מערבֿ־קולטור און ציוויליזאַציע פֿון ריטערלעך אַדעליקן שטאַנד, אײדער ער איז „דעגענערירט" געוואָרן דורכן ווערעמדיקן יידלאַקישן איינפֿלוס. די מליצישע לאַטעס האָט די העברעישע פּאָעזיע פֿאַרביטן אויף געוואַנט פֿון איין שטיק. די געשטיקעוועטע טראַנטעס האָבן מיר פֿאַרוואָרפֿן, און אַ לעבעדיקע ליטעראַטור אויפֿגעלעבט. די פּאַונדס, כנגדו, האָבן פֿון דעם פּסולת אויף אונדזער מיסט־הויפֿן אויפֿגעבויט זייער טורעם פֿון בבֿל — אַרום וועלכן עס ראַיעט זיך אַן אמתער דור־הפּלגה. פּאַונד אַליין האָט קיין לייטישע שורה נישט אָנגעשריבן, כאָטש די „האקסטערס" מכל המינים פֿאַלן אַריין אין קעלבערנער התפּעלות. וואָס ער האָט יאָ אויפֿגעטאָן איז דאָס אָפּטייטן די ענגלישע פּאָעזיע און איר עווענטועלן אַריינשליידערן אין ריינשטאָק.

דעריבער טאָר מען נישט צונויפֿמישן און פֿאַרטוישן די פֿאַרשיידענע סאָרטן מאָדערניזם: דעם קלאָרן, ריינעם, לויטערן,

תהילימדיקן, און להבדיל אלף אלפי הבד־
לות, דעם טומאהדיק־רינשטאָקישן.
מלכה חפץ טוזמאַנס פּאָעזיע געהערט
צו דעם ערשטן סאָרט, און מען טאָר גאָר
אויף דער מחשבה נישט נעמען דאָס צו־
נויפמישן זי מיט דעם ערב־רב, וואָס האָט
זיך אָנגעפּלאָדיעט אויף דער גוישער
פּאָעטישער גאַס.

## ה.

מען דאַרף נאָך אויך באַמערקן אַ דריטן
טיפּ מאָדערניסט, וועמענס וואָרט איז
לויטער און אָנטפּלעקעריש: אַ שורה דאָ,
אַ שורה דאָרט; אָבער דאָך, צי אומבאַ־
וווסטערהייט, צי נאָכבאַמקענדיק די מאָ־
דע, שיסט ער/זי 80% אויף פּוסט. דאָס
הייסט: אָן אַ ציל, אָן אַ מיין, נאָנסענס־
זילבן.
אמת, איינער פון די פּאָעטישע „גדולים"
האָט געזאָגט: „אַ ליד דאַרף נישט מיינען,
אַ ליד דאַרף זיין." ווי אַ ווערטל איז עס
גאַנץ פיין. אָבער פּוסט איז עס סיי ווי סיי.
וואָרן, וואָרט, כאָטש עס האָט ביים שריי־
בער, ביים פּאָעט, אויך פונקציעס פון
שפּיל, שפּאַס, קלאַנג, מוזיק, בילד, סימ־
באָל, און וואָס איר ווילט נאָר הערן און
געדענקען, האָט עס אָבער איבערהויפּט
די וויכטיקסטע פונקציע פון קאָמוניקאַ־
ציע, מיין, באַדייט. מיט מוזיק, מאָלעריי,
סקולפּטור, קען דאָס קינסטלערישע וואָרט
פּאָרט נישט קאָנקורירן ווי גלייכע מיט
גלייכע. דעם וואָרטס מלוכה איז מ י י ן.
און „מיין" מיינט נישט דווקא נאָר אינ־
טעלעקט, מוסר־השכל, וכדומה. „מיין"
קען מיינען שטימונג, געפיל, מיסטישע
אַנונג, טראַנסצענדענטאַלער פלי אין די
עולמות העליונים, מעדיטאַציע, דיאַלאָג
מיט מענטש, גאָט, און נאַטור. אָבי נישט
קיין פּוסטע נאָנסענס־זילבן פון אַ טעלע־
פאָן־דירעקטאָריע, צוגעשמאָלצן מיט
רינשטאָק־טינופת.
עס זענען פאַראַן עטלעכע יידישע מאָ־
דערנע פּאָעטן (אויף די פינגער צו ציילן),
וועמענס לידער איך האָב גערנער ווי דאָס
גרילצן פון די חמרים פלאַגיאַטאָרישע
גרילן, אָבער וואָס פאַרפעלן פאָרט צו
טרעפן אין פינטל. וואָרן, עס פעלט זיי
דאָס „פּינטעלע"—די נקודה... דהיינו,
דער רוח־הקודש פון מחשבה, אינטעלעקט,
אידעע, רצון, רוט נישט אויף זיי. אימי־
טירן זיי די עליאָטס און די דזשאָיסעס,
און עס באַקומט זיך אַ נישט־דערקאָכטע
יישקע—אַ קוואַטש. מעג דער רעקלאַמע־
מעסמעריזירטער עולם־גולם לעקן די
פינגער; צו קיין שלימות קענען די דאָזיקע
פּאָעטן נישט דערגריין. בלויז צו שפּליטערן
פונקען דאָ און דאָרט, אין אַ געדיכטער
זופּ פון גליטשיקן נעפּל.
מלכה טוזמאַן פאַרמאָגט נישט אַזעלכע
לידער. זי ווייסט וואָס זי וויל זאָגן, און
זי קען די קונסט פון זאָגן ווי עס באַדאַרף
צו זיין: באַשיידן, און עלעגאַנט. מיט אַנ־
דערע ווערטער: זי טרעפט אין פינטל,
וואָרן זי פאַרמאָגט די נקודה.

## ו.

און, אַז איך רעד שוין פון און וועגן
„מיין", וויל איך בפירוש נישט, אַז מען
זאָל מיר אַריינטייטשן וועלכע עס איז
„סאָציאַל־נאַציאָנאַלע באַשטעלונג" טענ־
דענצן. עס איז פאַר מיר קלאָר, אַז אַ
שרייבער וואָס איז ווערט זיין זאַלץ, וועט
נישט אָפּלעבן זיין לעבן נאָר מיטן באַ־
זינגען די ראָד פון זיין פּאָטערס וואַסער־
מיל. אַלץ וואָס איז מענטשלעך איז דעם
שרייבער נישט פרעמד. און, ס'רוב שריי־
בער (יוצאים מן הכלל זענען זיכער דאָ,
אָבער זייער צאָל איז בטל בשישים) וועלן
זיך אָפּרופן אין זייער קינסטלערישן מע־
דיום, ווער מער, ווער ווייניקער, אויף
די ווייען פון זייער פאָלק, זייערס ס'גאַל,
זייער מענטשן־גורל. אָבער, ד אָ ס מוז
קומען ספּאָנטאַן, ערלעך, אָן דיקטאַט, און
אָן דער אויסרעכענונג עמעצן פון די
אוחזים־ביד צו געפעלן. אַנדערש, איז עס
נישט קיין קונסט, און נישט קיין אמת.
מאידך גיסא, איז עס אַ העזה אַרויסצו־
קומען מיט טענות קעגן שרייבערס וועל־
כע מוסרן זייער פאָלק. ווער האָט דאָס
געירשנט דעם מאָנאָפּאָל אויף „אהבת־
ישראל"? אפשר איז גאָר געדרונגען, אַז
„את אשר יאהב... יוכיח"? נאָר די נביאי
השקר האָבן געלעקט דאָס פאָלק, זייער
מסיתים און מדיחים, און זייער קאָכלעפל.
ביאַליקס מוסרן דאָס פאָלק, נאָכן קעשע־
נעווער פּאָגראָם, האָט אויפגעהאָדעוועט
די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ, און

פון אַנדערע געטאָס און טויט־לאַגערן. ער האָט אונדז דערצויגן די קעמפער פאַר חירות ומלכות ישראל. מענדעלעס קריטיק אויף ביאַליקן שטאַמט פון דער פישקע־דער־קרומער פסיכאָלאָגיע. פון וואַנען זאָל זיך נעמען מענטשלעכער שטאָלץ צו אַ פישקע דער קרומער? אָבער, מענדעלע אַליין איז צוליב דער דאָזיקער קריטיק נענש געוואָרן. וואָרן, ווי באַוווסט, אַז נאָכן היטלער־חורבן האָבן זיך אַלערליי „וצדקתכס" געוואָרפן אויף מענדעלען, גלייך ער וואָלט, חס ושלום, מיט זיין אַרונטעררייסן די בעלי־טאַקסע און קהלישע פּיאַווקעס, שולדיק געווען אין אונדזער גרויסן בראָך... עס איז נישט אויסערן וועג צו באַמערקן, אַז מען האָט געפּרצט זעכציק יאָר נאָך זיין פּטירה, געשלום־עליכמט נאָך זיין זעכציק־יאָריקער יאָרצייט, אָבער מען האָט גאָר ווייניק געמענדעלעט. און אין „הדואר", ווו כ'האָב יאָ באַמערקט אַ דערמאָנונג, איז די קריטיק געווען אַ נעגאַטיווע... איך בין חושד, אַז דאָס פאַרשוויגן מענדעלען איז נישט צוליב דעם וואָס ער איז מער נישט רעלעוואַנט, נאָר גראָד אומגעקערט, מען פאַרשוויגט אים ווייל דער שוך קוועטשט צו פיל די חמרים קאָכלעפל, בעלי־טאַקסע און פּיאַווקעס, וועלכע ראַיען זיך אין אונדזער וועלטל. מיט פּרצן קען מען זיך אַביסל פאַרפרומען, מיט שלום־עליכמען קען מען אונטערפידלען אויפן „רוף" און זיך „ענדזשאַיעווען", אָבער מיט מענדעלען דאַרף מען זיך במחילה לייגן אויף דער אויבערשטער באַנק און זיך לאָזן אַריינפּיצקען...

מיר האָבן אַ קיימא־לן פון משלי (י"ג: כ"ד), „חושך שבטו שונא בנו ואהבו שחרו מוסר."— דער וואָס קאַרגט זיין רוט, האָט פיינט זיין זון, און דער וואָס אים ליב, שטראָפט באַצייטנס." (תרגום יהואָש).

דאָס רוב פון ייִדישן פאָלק, וואָס איז איצט רייך ווי קורח, און דערצו פאַרגרעבט און פאַרפעצט, האָט נישט קיין רעכט צו פאָדערן אפילו אַ שפּיץ פון אַ נאָגל, אָדער אַ האָר פון קאָפּ פון זיינע ייִדיש־שרייבער, וועלכע (אַחוץ עטלעכע נואפים) לעבן אין מאַטערניש און נויט, און אין בזיון... שעם זיך, ייִדיש פאָלק! שטאָלץ זיי, אמתער ייִדיש־שרייבער!...

זאָל דאָ אויך באַמערקט ווערן, אַז עס איז נישט מן הנימוס, דאָס אַ מאַן וואָס ס'איז יעדן באַוווסט (אים אַליין איז עס דאָך זיכער באַוווסט), אַז ער האָט מיט אַ געוויסן נפטר קיין גוט לעבן נישט געהאַט, זאָל בכלל שרייבן וועגן אים, בפרט נאָך עפּעס נעגאַטיווס...

## ז.

עס איז נישט מיין טבע צו רעצענזירן אַ בוך, און פאַרקריכן אָן אַ זייט, אָדער אַרויסווייזן אייגענע „גרויסע קענטענישן" פאַרנעמענדיק דערמיט דאָס רוב פון געשריפטס, כדי דערמיט אויסצומיידן פון דאַרפן זאָגן עפּעס קערנדיקס וועגן גוף הספר. דאָ אָבער בין איך דאָך עטלעכע מאָל פאַרפאָרן קיין בויבעריק. האָף איך דעריבער, אַז די חשובע דיכטערין וועט מיר פאַרגעבן און מוחל זיין. ראשית זענען די ווערטער און געדאַנקען געקומען ווי פון זיך אַליין, וואָרן נאָך אַ שווערער קראַנקהייט און אַ לענגערער שוויגעניש כאַפּט מען זיך אומגערן צו צום עמוד, און מען קען זיך נישט געזונג אָנזעטיקן. והשנית, אויב די ליבע פּאָעטין וועט מיר טאָן די גנעדיקייט און לייענען מיט קאָפּ מיינע באַשיידענע ווערטער, וועט זי גריילעך באַמערקן, אַז מיינע איינטערמעצאָס זענען גאַרנישט אַזוי שטאַרק אויסערן וועג...

מלכה חפץ טוזמאַן איז זיך זעלבסט־באַוווסט וועגן דער „קריטיק" איבער אירע ווערק. שרייבט זי טאַקע אין „לידערבלוט": „נעם / אַ גלעזל י"ש / טרינק / אַ גלאָז ווערמוט / און זע / ווי מען צאַפּט פון דיינע לידער / בלוט.// זע / ווי קורצזיכטיקע אויגן מיט פאַרעלטערטע מיקראָסקאָפּל./שטעלן דיאַגנאָז / אַ יעדן טראָפּל.// זיי / וואָס שמעקן שוין מיט מאָך / וועלן / אָבער־ווידער / צאַפּן בלוט / פון יונגע לידער.// ערשט / נאָך אַלע אַנאַ־לויזן.../ זע ווי גיך / מיט פרישן הייסן בלוט/ס'נעמען דיינע לידער / ברויזן."//

זעט איר שוין, אַז איך מיט דער מחברטע זענען בדעה אחת וועגן דער יונגקייט און פרישקייט פון איר ברויזיק ליד.

מיט יאָרן צוריק איז מיר צו דער האַנט געקומען מ. ח. טוזמאַנס אַן ענגלישע פּאָעמע פון טיף מיסטישן כאַראַקטער. דערפון האָב איך קענען געלערנט איר אַנען און דענקען, וואָס איז נישט קיין סתם חנדלען זיך צו דער מאָדע, נאָר אַן ערנסטע פּאַרטיפטקייט און אַרייַנגעטוענקייט אין רוחניותדיקן און טראַנסצענדענטאַלן.

ווען עס —

„טרעפט אַ זעלטענער אויגנבליק
ווען אויסגעלייזט פון חומר
און פון גייסטיקייט,
ווען אין אַ צושטאַנד פון אויסערזיכי-
קייט,
אין אַ מצב פון גאָרניטוויסיקייט
באַווייזט זיך די סיבה פון
אונדזער בענקעניש
און בליץ גיך
פאַרגייט.“

לאָמיר באַטראַכטן דאָס ליד „די מאַסקע“. עס הייבט זיך אָן גאַנץ אומשולדיק: מיט אַ שעמען זיך, אַ שולד-געפיל פאַרן פאַרנעמען זיך מיטן בלויזן „איך“, ווען ס'איז גאָר פאַראַן אַ „דו“, אַן „ער“, אַ „זי“ און אַ „זיי“, פון דער גרויסער וועלט. אָבער, נאָך אַ פּאָעטיש פילאָסאָפיש-מיסטישער אַנטוויקלונג פון טעמע און מחשבה, ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז אַלע מאָדאַליטעטן זענען פאַרדעקט אונטער איין און דער זעלבער מאַסקע בלויז. וואָרן,

„סיי ווי / איך בין אַלע / און אַלע /
סיי ווי זענען איך, זענען מיך, / זענען
מיין.“ //

ווען די דיכטערין רעדט וועגן „איך“, „דו“ און „ער“, קען זיך דאַכטן, אַז זי פאָלגט נאָך די בובערישע געניאַלע עמקות, דעם בובערישן וועלטבליק. אָבער דער ציטירטער סוף פון ליד, טרעט שוין האָר-נאָענט צום אָפּהאַנג איבערן תהום פון פערסיש-סופיסטישן מיסטיציזם, ווען דער עקסטאַטיש - פאַרשיכורטער גלויביקער רופט אויס: „א י ך בין דער רעאַלער א ח ד... פאַרהילט אין דעם דאָזיקן קיטל געפינט זיך גאָרנישט אויסער אַ ל ל אַ!“ דאָ פאַרשווינדט די מחיצה צווישן „איך“-מענטש און דעם אַבסאָלוט-אַנדערשדיקן הייליקן „א י ך“-אתה פון דער יידישער ברכה „ברוך אתה“...“ און טראַנספאָרמירט זיך אין אומדיפערענצירטן, איינשטיקיקן אומענדלעכן גאַנצן, וואָס אָן דעם באַשאַף פון „איך“-מענטש (אומדיפערענצירטקייט שליסט אויס באַשאַף, ממילא וועלכן עס איז אַנדערן „איך“), איז נישט שייך קיין „אנכי“ און קיין „אתה“. אויף דעם עולם איז עס ניט קיין יידישלעכער באַגריף. אויף ד ע ם עולם איז דער יציר כפיו של הקב״ה באַשאַפן געוואָרן, און עקזיסטירט כל זמן שהנשמה באפו, מיט אַ באַזונדערן „איך“, נישט געקוקט אויף די עליות-נשמה, וועלכע ער קען גריילעך דערגרייכן. ער קען זיך בשום אופן נישט אויפלעזן אין דער גאָטהייט, אָדער חס ושלום ווערן די גאָטהייט. ווי ענג דער ייחוד איז, דאָך בלייבט די צווייאיקייט. אַנדערש, רעדט זיך שוין וועגן אַן אַנדערער עקזיסטענץ, וואָס איז למעלה מן המציאות און למעלה מן השכל, און העכער פון עין לא ראתה. יידישלעך, קבלהדיק, איז עס אָנגעמבאַר מאחורי הפרגוד, אין דער העכערער רעאַליטעט, ווו אַלץ ווערט באמת איינס, ווו אַלע אונטערשיידן פאַרשווינדן, און וואָס ס'איז ממילא למעלה מן המציאות והשכל.

גאָר יידישלעך, כאָטש אויך מיסטיש-פלאַטאָניש, אין גייסט פון „סוף מעשה במחשבה (במציאות?) תחילה“, און דאָס ליד „אויסדאַכט“:

„ס'קען אַ קאָפּ ניט אויסטראַכטן /
וואָס איז / אין ערגעץ / ניט פאַראַן. //
קיינער / וואָלט צו גאָט זיך ניט דער-
טראַכט / ווען חלילה / גאָט / איז ניט
פאַראַן.“ //

אַן עכאָ פון שמואל הנביאס „הנני“, בעת זיין אויסדערוויילט ווערן אין משכן שילה, וויברירט אין ליד „טאַטע זיסער“.

דאָך הערט מען דאָ אויך די יידישע פאַרביטערטקייט נאָך דעם ליקוי המאורות און הסתר-פּנים בעת און נאָך אונדזער אוממעסטבאַרן בראָך:—

„אַז אַ טאַטע פאַרלאָזט
איז ער אַלץ נאָך אַ טאַטע
און איך וועל ניט אויפהערן בענקען
און שרייען

„דאָ בין איך"
ביז ער וועט דערהערן,
וועט זיך דערמאָנען
און רופן מיין נאָמען
און ריידן צו מיר
דורך פייער."

„מ. ח. טוזמאַן דרינגט אפילו אַריין אין פיל־ווערטיקער לאָגיק, וואָרן געוויינלעך בויען מיר אַלץ אויף צוויי ווערטן: „ריכ־טיק", אָדער „פאַלש" — אָן מיטל־פאַלן. די נייע לאָגיק לייקנט אין אַזאַ שפּילקע־קעפּעלע, קליינקעפּלדיקע דיכאָטאָמיע. די פּאָעטין דריקט עס אויס קליפּ און קלאָר:

„מאָדנע
ווי געווינט מיר זענען זאָגן
„די און יענע"
ווי סע וואָלטן
נאָר געוועזן צוויי וועלטן.
ס'זענען דאָך פאַראַן
אַזוי פיל
צווישן־וועלטן."

## ח.

עלנט איז דער דיכטער. נאָך עלנטער איז דער יידיש־דיכטער: אָן אַ לייענער, אָן אַ מיטשמועסער, אָן אַ נאָכוווקס, וואָס קען אַ יידישע דיכטערין פאַרשרייבן?

„די שפּראַך
וואָס האָט ניט צו וועמען צו ריידן.
און... דאָס ליד
וואָס זינגט אויס נאָך דיך.
ס'האָט ניט פאַר וועמען צו זינגען
און זינגט
פאַר זיך.
נאָר פאַר זיך."

און, די שטילע דיכטערין קען שוין מער נישט פאַרטראָגן דאָס שטומען, דאָס שווייגן אויף יידיש:

„און אפשר שוין
ניט שווייגן מער?
טאָקע מער ניט שווייגן?

דו הערסט?!
איך שריי
אין דיין יידישן אויער אַריין:
„יידיש זאָל זיין!!!

אַט אַזוי אַ
נאָך אַנאַנד
רייד איך צו דער וואַנט."

ווי פיינלעך־טראַגיש, יידישער דיכטער. זיין בלוט אויף דיינע הענט, ישורון. שעם זיך, יידיש פאָלק!

כאָטש די סיבה פון דעם דיכטערס צאָרן און פיין איז אַן אָפּן בוך, דאָך פעלן נישט קיין קשיא־פרעגער: „צאָרנסס / ווהין ביסטו פאַרקוקט? / צו וועמען / פאַרעקשנט אַזוי / איז דיין שווייגן?!//

און דער דיכטער פאַרשטשעמעט די ציין און צישעט אַרויס פאַרביטערט: „איך בין/ אין איין־סוף פאַרקוקט / פאַרעקשנט / מיין שווייגן צו / אים."//

„... ווען / פון איבערצייטיקייט / דער נוס — מיין שווייגעניש / וועט / זיך שפּאַלטן / וועלן / הימל אויפרייסן / פון שווייגעניש / די גוואַלדן." //

דאָך ווענדט זיך די דיכטערין צו גאָט מיט אַן אַמביוואַלענטן „ליב און לויב": „מוראדיקער דו — / מיין בעסטער, / זע: / איך קום צו דיר מיט / ליב און לויב / און / לעסטער."//

## ט.

אין די בוקעטן, „שטילער, שטילער", און „דאַרפיש", פאַרגינט זיך די דיכטערין נישט בלויז צו זאָגן, נייערט אויך צו זינ־גען ליריש, צו מאָלן פּייזאַזשן, און אפילו צו דערציילן עפּיש. זי דערלויבט זיך אויך אַ ביסל סענטימענטאַליקייט, כאָטש ווי זי דריקט זיך אויס: עס איז „אַרויס פון דער מאָדע"... „'האַרץ' / איז אַרויס פון דער מאָדע, מיין ליבער, / און 'ליבער' / איז אויך פון דער מאָדע אַרויס / ... דעריבער / זינג, האַרץ מיינס, / צו 'ליבער' / דיין אָדע: / אַט ערשט איז עס ווידער / אַריין אין דער מאָדע / זינגיק ווי זאַנגען / און הייליק ווי / ברויט".//

איך קען נישט שווערן מיט דער האַנט אויפן האַרצן, אַז נאָך אַן איינמאָליקן איי־בערלייענען אַ ווערק אין וועלכן אַ דיכ־

טער האָט אַריינעלייגט לייב, בלוט און
נשמה, בין איך שוין אַריינגעדרונגען אין
די חדרי־חדרים פון ספר. דעריבער
בלייבט מיר נאָך איבער פּותר צו זיין דעם
באַשייד פונעם טיטל פון בוך, „היינט איז
אייביק". וואָרן, אויף ד ע ם עולם איז
'היינט'— כהרף־עין; און אפילו דאָס אויך
נישט. אלא, אויב מיר האַלטן שוין למעלה
מכתר־עליון, כביכול, וואָלט דאָס בוך
אויך געדאַרפט איינשטיין דאָרטן. און צו
דעם קען עס נישט קומען. וואָרן, „כי לא
יראני האדם וחי", און חלילה וחס מיר
זאָלן זיך עס גאָר ווינטשן...

עס איז טאַקע אַ הויך־פּאָעטיש ווערק,
אינטעלעקטועל און מיסטיש, אָבער נאָך
אַלץ פאַר בני־קיימא, עד מאה ועשרים
שנה, אכי"ר. און פאַר אַ בשר־ודם, לפי
עניות דעתי, באַשטייט בלויז דער עבר.
וואָרן, איידער וואָס, איידער ווען, ווערן
אַלע צייטן טראַנספאָרמירט אין באַשטענ־
דיקן עבר. דער 'היינט', דער "כהרף־עין"
איז בלויז די קרייצונג (פּרשת דרכים)
צווישן עבר און עתיד, פּונקט ווי דער
„פּונקט" אז נישט מער ווי די קרייצונג
פון צוויי (גלייכע) ליניעס. 'היינט' איז
נישט סטאַטיש. און פּונקט פּאַרקערט ווי
אין באַרימטן ניגונדל, האָט ער גאָר קיין
עקזיסטענץ נישט. אויף ד ע ם עולם
איז אייביק נאָר דער עבר. העכער פון
ד ע ם עולם, און אָנפירן מיט ד ע ם
עולם, טוט דער אייביקער עתיד, וואָס
זיין שם איז אקי"ק אש"ר אקי"ק. און זיין
חותם איז אמ"ת: 21X21=441=אמ"ת.

(אגב, יידן וועלכע קענען אַריינקוקן אין
די קליינע אותיותלעך, און ווילן זיך פאַר־
טיפן אין דער פאַרבינדונג פון חותמו של
הקב"ה מיטן תיקון חטא הקדמון, און מיט
נבואת דניאל, דאַרפן נאָר מעיין זיין אין
מיין פאָטער אברהם ז"ל'ס ספר, „קבוצת
כתבי אגדה", תט"ו־תי"ט). דער 'היינט'
איז דער 'מיטן' און איז סימבאַליזירט
דורך דעם „מם", וואָס דאַרף תיקון. אָפּ־
גיהיטן זאָלן מיר ווערן ווען זי זאָל חלילה
זיין אייביק.

אָן אַנדער קלייניקייט וואָס איך דאַרף
זיך נאָך באַשיידן איז דער „ק.מ." פון
„ביאָגראַפישן בריוו". ממה־נפשך, איז
ער געוועזן אויף אַזוי וויכטיק און אינסט־
רומענטאַל אין דער אַנטוויקלונג פון דער
דיכטערישער פּערזענלעכקייט, פאַרוואָס־
זשע קומט אים די אַנאָנימיטעט? תיק"ו.

י.

איך האָב דערפילט מלכה טוזמאַנס
מחיהדיקע יונגשאַפט אין איר הערצישן
ווערן־זיך קעגן „אויס":—

„איך האָב זיך נאָך ניט איינגעפּאַרעט
און
מיין שבת שבתון
שטייט שוין באַלד
ביי מיין שוועל.
וויזט אויס איך בין געשלאָפן אין
שלייער.

מיר דאַכט זיך
כ'האָב ערשט אויפגעבונדן די וואָך,
אויפגעעפנט דעם מאָנטיק,
נאָך פאַר די אויגן ניט אָנגעזען דעם
דינסטיק
און שוין אַזוי שפּעט...

געמיינט ס'איז נאָך ווייט צו קבלת שבת
באמנות
איך בין נאָך ניט גרייט אויפצונעמען
מיין שבת שבתון."

איך בין פאַרבליפט געוואָרן פון איר
בעל־שמסקע טאָן:

„באַהיט מיך
חלילה כ'זאָל זאָגן
אַט איצטער
אין רייפקייט פון יאָרן:
שפּאַן אויס די פערדלעך, מיקיטאַ,
איך וויל שוין אין ערגעץ
ניט פאָרן.

באַהיט מיך
חלילה
אַזעלכעס כ'זאָל זאָגן."

זאָג איך מצדי: כה לחי, מלכה חפץ
טוזמאַן!
ווי עס פּאַסט פאַר אַ יידישער דיכטערין,
זאָל זיך אויפלייזן אין די שערי־רחמים
איר אַקאָרד, איר הערלעכע, הייליקע